ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ה אייר תשס"ה

## פרשת במדבר

טייערע קינדער שלוחים,

א גוט'ן ערב שבת. דעם שבת איז שבת מברכים חודש סיון– דעם חודש פון מתן תורה. בכדי צו וויסן וואס מיר דארפן טאן פאר מיר זיינען מקבל דעם תורה אויף שבועות, דארפן מיר קוקן און זען וואס די אידן האבן געטאן יארן צוריק פאר זיי האבן באקומען די תורה. דער עיקר עבודה פון די אידן פאר זיי האבן באקומען דעם הייליקן תורה איז דאס וואס אידן זיינען געווען באחדות–צוזאמען. פונקט אזוי ווי דער גרעסטע נחת פאר א טאטע און מאמע איז ווען די קינדער פירן זיך שיין איינער צום צווייטן, אזוי איז דער גרעסטע נחת פארן אויבערשטן ווען מיר פירן זיך אויף מיט אהבת ישראל צו אנדערע אידן. און ווי מיר וויסן, איז דורך דעם אהבת ישראל גרייט מען זיך צו צום גאולה נאו ממש!!

איידלה וועכטער



# משיח נאו!

"אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח...אחכה לו בכל יום שיבוא"... דער רמב"ם שרייבט "איך גלויב מיט פולע אמונה אז משיח וועט קומען... און איך ווארט אויף זיין קומען יעדן טאג."

אפילו אין די שווערע צייטן פון גלות ווען מען זעט ניט ווי משיח וועט קענען איבערקערן דעם וועלט, ווארטן מיר אויף דעם גאולה. ווען דער אויבערשטער זעט אז אפילו ווען עס איז שווער ווארטן מיר אויף זיין גאולה און מיר גלויבן אין דעם, וועט ער טאקע אין דעם זכות שיקן משיח...בזכות האמונה!



פארגעסט ניט צו
ציילן ספירת העומר!



פרקי אבות
פרק חמישי



# לעבן מיט דער צייט

### פרשת בהר

מנין בני ישראל

אין פרשת במדבר רעדט זיך וועגן דעם מנין פון בני ישראל, ווי דער אויבערשטער ציילט אידן.

איז לכאורה ניט מובן: דער אויבערשטער ווייס דאך זיכער די צאל פון אידן, איז צוליב וואס דארף ער זיי ציילן?

איז ידוע וואס רש"י איז מבאר, אז דאס ציילן פון אידן איז צוליב זייער חביבות: צוליב דער ספעציעלער ליבשאפט צו אידן, ציילט ער זיי **שטענדיק** ("כל שעה").

וואס דאס איז א זאך וואס אפילו א קליין קינד פארשטייט, אז בשעת ער האט א זאך וואס ער האט ליב, ווי למשל זיינע "טאיס" (צאצקעס), האלט ער זיי אין איין ציילן, עס זאל קיין איינע פון זיי ניט פעלן.

און אזוי איז אויך כביכול בנוגע צו אידן: צוליב דער גרויסער ליבשאפט פון אויבערשטן צו אידן האלט ער אין איין ציילן זיי, כדי צו **באווייזן** אלע עמי הארץ, און זיכער צו אידן אליין– אויף ווי אלץ טיפער ער האט ליב יעדן אידן און אלע אידן.

און דאס גיט שטארקייט צו א אידן, אין די צייטן פון גלות, צו קענען איבערקומען אלע שוועריקייטן און מוסיף זיין אין אלע זאכן פון תורה און מצוות, וויסנדיק אז אויך אין גלות איז דער אויבערשטער מיט אים, און ווייזט ארויס פאר אלעמען זיין גרויסע ליבשאפט צו אידן.

און די ליבשאפט וועט זיין נאכמער אנטפלעקט, ביז צו דער גרעסטער "התגלות" (אנטפלעקונג) - לעתיד לבוא, ווען אידן וועלן ארויסגיין פון גלות, וואס דעמאלט וועט דער אויבערשטער ווידער ציילן אידן, ווי עס שטייט אין מדרש אז דאן וועט זיין דער "מנין העשירי".

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער–שיחת ל"ג בעומר תשד"מ)*



# דעם חסידישן לוח

## ראש חודש סיון




### ערשטע הכנה צו מתן תורה

די תורה דערציילט: "בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים ביום הזה באו מדבר סיני גו' ויחן שם ישראל נגד ההר"– (קארגע) זיבן וואכן נאכדעם ווי אידן זיינען ארויס פון מצרים, איז "ביום הזה", וואס דאס גייט אויף ראש חודש סיון, זיינען זיי אנגעקומען צום בארג סיני, און אין דעם טאג האבן זיך אנגעהויבן די הכנות צו מקבל זיין דארט די תורה.

יעדער יאר, ווען עס קומט ראש חודש סיון, הייסט תורה אז מ'זאל נאכאמאל דערמאנען זיך אויף דעם אלעם וואס האט געטראפן אין יענעם ראש חודש סיון, כדי מ'זאל דאס גוט געדענקן און אריינטראכטן זיך אין דעם, ביז נאכאמאל דאס צו איבערלעבן:

וואס דאס מיינט: יעדער אידיש–קינד, סיי א אינגעלע סיי א מיידעלע, זאגט צו דעם אויבערשטן, אז פון ראש חודש סיון הויבט ער אן צו גרייטן זיך צו "קבלת התורה", ענלעך ווי אידן האבן געטאן דעם ערשטן מאל ראש חודש סיון, דורך אננעמען אויף זיך אויף צוגעבן נאכמער אין זיין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

און פונקט ווי ביי דעם ערשטן מתן תורה, זיינען אידישע קינדער געשטאנען ביים בארג סיני און געשריען "נעשה ונשמע", "נעשה" פאר "נשמע", וואס מיינט אז צום אלעם ערשטן טוט מען וואס מ'הייסט אים טאן און ערשט דערנאך פרעגט מען שאלות און מען פרוואוט פארשטיין - אזוי אויך יעדער יאר, דארף מען זיך צוגרייטן צו קבלת התורה דורך אננעמען אויף זיך תורה אין אן אופן פון "נעשה ונשמע".

אייגנטלעך, איז דאס איינער פון די טעמים פארוואס אידישע קינדער ווערן אנגערופען "צבאות השם" - דעם אויבערשטנ'ס ארמיי. ווייל דער גרונד, דער יסוד פון א ארמיי איז - פאלגן די אנווייזונגען פון "קאמענדער -אין–טשיף" אין אן אופן פון "נעשה ונשמע".

און אזוי אויך דארפן אידישע קינדער פון "צבאות השם, אויספאלגן די אנזאגן פון אויבערשטן אין אן אופן פון "הקדמת נעשה לנשמע": צום אלעם ערשטן אויספאלגן אל'ץ וואס דער אויבערשטער האט געהייסן, מיט דער פולסטער מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט, און ערשט דערנאך זוכט מען צו פארשטיין פארוואס מ'האט אים געהייסן אזוי טאן.

און בשעת דער אויבערשטער זעט ווי אידישע קינדער גרייטן זיך אויף א פאסיקע אופן צו מתן תורה נאך פאר חג השבועות, און מיט לעבעדיקייט און שמחה - גרייט זיך דער אויבערשטער כביכול צו געבן די תורה פון דאס ניי צו אידן, מיט גרויס שמחה:

און דאס ברענגט אלע ברכות פון אויבערשטן אין אל'ץ וואס מען נויטיגט זיך, ווי עס שטייט: "אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו" - ווען אידן לערנען תורה און היטן מצוות - גיט זיי דער אויבערשטער אלע ברכות אין וועלכע זיי נויטיקן זיך,

ביז די ברכה "ואולך אתכם קוממיות" - מ'גייט ארויס בקרוב ממש, מיט אן אויפגעהויבענער קאפ, לקבל פני משיח צדקנו.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחות ר"ח סיון תשמ"א, תשמ"ה און ג' סיון תש"מ)*



# דערציייל מיר א מעשה

*קינדער, גייען אייערע טאטעס צום תפיסא צו זען די געפאנגענע אידן? דא איז א מעשה וועגן דער רבי און די געפאנגענע, וואס באווייזט אונז ווי פארזיכטיג מען מוז זיין מיט די געפילן פון א צווייטן איד, ווער ער זאל נאר זיין, און אין וועלכע מצב ער זאל זיך נאר געפונען.*

שבת נאך שבועות, האט הרב ליפסקער, שליח פון דער רבי אין פלארידא, איינגעזאמלט אין קראון הייטס א גרופע פון געפאנגענע אידן בכדי געבן זיי דעם געלעגנהייט לערנען וועגן אידישקייט - זייער ירושה.

די 18 מענטשן זיינען געווען פארנומען מיט לערנען און אויך לעבן ענינים פון אידישקייט. אבער דער העכסטע זאך איז געווען ווען זיי זיינען געגאנגען צו א פארברענגען פון דער רבי אויף שבת.

פארן פארברענגען, האט הרב ליפסקער געמאכט א פלאץ פאר זיי אז זיי זאלן קענען זיצן אלע צוזאמען. אבער גלייך פאר דעם פארברענגען איז הרב גראנער צוגעקומען צו הרב ליפסקער.

ער האט אים געזאגט אז דער רבי האט געבעטן אז זיי זאלן ניט אלע זיצן אין דעם זעלבן פלאץ. און ער האט גלייך ערקלערט אז דער רבי האט געזאגט, אז אויב זיי וועלן אלע זיצן צוזאמען וועלן מענטשן פרעגן ווער זיי זיינען און זיי וועלן זיך שעמען אז מענטשן זאלן הערן אז זיי זיינען געפאנגענע.

דער רבי האט אויך געזאגט אז צום סוף פארברענגען ווען ער וועט טיילן משקה, וועט ער ניט טיילן צו זיי אלס א גרופע. דאס איז אויך געווען צוליב דעם אז מענטשן זאלן ניט באמערקן דעם גרופע. דער



רבי האט זיי אבער ניט פארגעסן. דורך דער פארברענגען האט דער רבי גערעדט אויף געפאנגענע און האט זיי געשטארקט!!

# ראש חודש סיון

### מיטוואך, א' סיון, איז ראש חודש

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין מיטן בענטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט "ברכי נפשי" נאך שיר של יום

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, א' סיון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת במדבר

1. ווען זיינען די אידן אנגעקומען צום פלאץ וואו זיי האבן באקומען דעם תורה? ____________
2. וואס איז געווען דער עבודה פאר קבלת התורה? ____________
____________
3. וואס איז אונזער עבודה יעצט? ____________
4. וואס האבן די אידן געזאגט ווען ה' האט זיי געפרעגט אויב זיי ווילן דעם תורה? ____________
5. וואס האבן זיי באקומען אויף דעם? ____________
6. וואס לערנט דאס אונז? ____________
7. וואס האט דער רבי געזאגט פאר די געפאנגענע אידן? ____________
____________
8. פארוואס? ____________
9. אין וועלכן זכות קומט דער גאולה? ____________
10. וואס דארפן מיר טאן צוליב דעם? ____________

**דער געווינער פון פרשת אמור: __חנה נמדר, 6__**

נאמען: ____________ ווי אלט: ____

אדרעס: ____________

אי-מייל: ____________

## הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org